# ליזער ראַן

## פון
## אליהו בחור
## ביז
## הירש גליק

## קאָרטן
## לעקסיקאָן

לערן און שפּיל

„ווילנער פאַרלאַג"

ניו יאָרק 1963

„ווען איר וועט קינדערלעך עלטער ווערן
וועט איר אַליין פאַרשטיין,
וויפל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפל געוויין".

מ. וואַרשאווסקי

KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette St., New York 3, N. Y.
96

LEISER RAN

# From ELIA BACHUR
# To HIRSH GLICK

## 400 YEARS
## YIDDISH LITERATURE

## Card Game

Copyright 1963

"WILNER FARLAG"
ווילנער פארלאג
NEW YORK
1963

# דער קאָרטן-לעקסיקאָן פון אליהו בחור ביז הירש גליק

נעמט אַרום הונדערט שעפער פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור אויף יידיש פאַרן משך פון 400 יאָר:

## די ראשונים:

1. אליהו בחור
2. ר׳ יעקב בן יצחק אשכנזי
3. ר׳ נחמן בראַסלאַווער
4. ישראל אַקסענפעלד
5. שלמה עטינגער
6. אברהם-בער גאָטלאָבער
7. וועלוול זבאַרזשער
8. אייזיק-מאיר דיק
9. יצחק-יואל ליניעצקי
10. שמ״ר-שייקעוויטש



## די גרונטלייגער:

11. מענדעלע מוכר ספרים
12. שלום עליכם
13. יצחק-לייבוש פּרץ
14. חיים-נחמן ביאַליק
15. שלום אַש
16. אברהם גאָלדפאַדען
17. יעקב גאָרדין
18. שמעון-שמואל פרוג
19. יהואָש
20. ה.׳ לייוויק

## קעמפּער און בונטאַרן:

21. מאָריס ווינטשעווסקי
22. דוד עדעלשטאַט
23. יוסף באָוושאָווער
24. מאָריס ראָזענפעלד
25. אברהם רייזען
26. דוד פּינסקי
27. אברהם ליעסין
28. לעאָן קאָברין
29. משה־לייב האַלפּערין
30. משה נאַדיר



## יידיש אייראָפּע:

31. איטשע־מאיר ווייסנבערג
32. הערש־דוד נאָמבערג
33. יעקב דינעזאָן
34. מרדכי ספּעקטאָר
35. זאַלקינד שניאור
36. ש. אַנסקי
37. פּרץ הירשביין
39. דוד איינהאָרן
39. אליעזר שטיינבאַרג
40. איציק מאַנגער

## יידיש אַמעריקע

### די יונגע:

41. יוסף אָפּאַטאָשו
42. דוד איגנאַטאָוו
43. יוסף ראָלניק
44. מאַני לייב
45. זישע לאַנדוי
46. אייזיק ראַבאָי
47. יונה ראָזענפעלד
48. ח. רויזענבלאַט
49. מנחם באָריישאָ
50. ישראל־יעקב שוואַרץ



## יידיש סאָוועטיש:

51. דוד בערגעלסאָן
52. פּרץ מאַרקיש
53. לייב קוויטקאָ
54. דוד האָפשטיין
55. איזי כאַריק
56. שמואל האַלקין
57. איציק פעפער
58. מאיר ווינער
59. משה קולבאַק
60. דער נסתר

## יידיש אַמעריקע

### „אינזיכיסטן" א״אַ :

61. יעקב גלאַטשטיין
62. א. לעיעלעס
63. נחום־ברוך מינקאָוו
64. אפרים אויערבאַך
65. ישראל־יהושע זינגער
66. יעקב־יצחק סיגאַל
67. הערש סעקלער
68. פישל בימקאָ
69. א. לוצקי
70. י. באַשעוויס־וואַרשאַווסקי



## יידיש אייראָפּע

### חורבן־דור :

71. משה בראָדערזאָן
72. יצחק קאַצענעלנסאָן
73. זוסמאַן סעגאַלאָוויטש
74. יחיאל־ישעיה טרונק
75. אהרן צייטלין
76. מלך ראַוויטש
77. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
78. חיים גראַדע
79. אברהם סוצקעווער
80. הירש גליק

## יידיש פאָרשער:

81. יהושע־מרדכי ליפשיץ
82. אלכסנדר האַרקאַווי
83. בעל מחשבות
84. שמואל ניגער
85. נחום שטיף
86. מאַקס וויינרייך
88. נח פרילוצקי
89. מאַקס עריק
90. יודל מאַרק



## דענקער און היסטאָריקער:

91. נתן בירנבוים
92. חיים זשיטלאָווסקי
93. הלל צייטלין
94. בער באָראָכאָוו
95. וולאַדימיר מעדעם
96. שמעון דובנאָוו
97. ישראל צינבערג
98. יעקב שאַצקי
99. יצחק שיפער
100. עמנואל רינגעלבלום.

---

מיר האָבן זיך געמוזט באַנו־גענען מיט אַ באַגרענעצטער צאָל מוסטערן. אָבער פון די אויסגע־לאָזענע הונדערטער יידישע שריי־בער, וואָס זיינען פונקט אַזוי באַקאַנט, פאָפולער און ראוי צו

פאַרטרעטן די יידישע ליטעראַטור, ווי אַ היפּשער טייל פון יענע וואָס זיינען דאָ געבראַכט לדוגמא, וואָלט מען געקאָנט צוזאַמענשטעלן נאָך עטלעכע לעקסיקאָן־קאָמ־פּלעטן.

**אויף יעדן קאָרט געפינען זיך אַזעלכע ידיעות:**

א) **דער** לויף־נומער פון שרייבער אין קאַרטן־לעקסיקאָן. ב) זיין בילד. ג) זיין פאַמיליע, נאָמען און פסעוודאָנים אונטער וועלכן ער איז באַזונדערס באַקאַנט אין דער ליטעראַטור. ד) יאָר און אָרט פון געבוירן, וואוינאָרט אָדער ווו געקומען צו אייביקער רו. ה) די טיטלען פון פיר באַקאַנטע ווערק זיינע פון פאַרשיידענע שאַפונגס־געביטן. ו) די שאַפונגס־געביטן פון שרייבער (אונטערן שטריך).



# וואַריאַנטן
## פון לעקסיקאָן־שפּיל:

**די שפּיל באַשטייט**

אין אויפקלייבן פינף (אַ מזומן) אָדער צען (אַ מנין) שרייבער פון איין באַשטימטער קאַטעגאָריע.

**די לעקסיקאָן־שפּיל**

קאָן געשפּילט ווערן לויט דריי סטאַנדאַרטע און אַ צאָל ספּעציעלע (באַשטימטע און דורך די שפּילער אַליין געשאַפענע) וואַריאַנטן.

צו די דריי סטאַנדאַרטע שפּיל־וואַריאַנטן איז ניט נייטיק קיין ספּעציעלער וויסן. דער לייכטסטער איז —

## דער ערשטער שפּיל־וואַריאַנט — לויט דער ליטעראַטור־תקופה אָדער ליטעראַטור־צענטער

לויט וועלכן די שרייבער זיינען גרופּירט אין קאַרטן־לעקסיקאָן. יעדער צענדליק (פון 1 ביז 10) נעמט אַרום אַ תקופה אָדער אַ צענטער. דער ציל פון די שפּילער פון דעם שפּיל־וואַריאַנט איז אויפ־קלייבן אַ מנין (אָדער מזומן) פון די צען אידענטיפיצירטע צענדלי־קער (למשל: די ראשונים, יידיש־אייראָפּע, יידיש־סאָוועטיש).

## דער צווייטער שפּיל־וואַריאַנט איז — לויט די שאַפונגס־געביטן פון די שרייבער:

דער ציל פון די שפּילער אין



דעם שפּיל־וואַריאַנט איז אויפ־קלייבן אַ מנין (מזומן) שרייבער פון איין שאַפונגס־געביט (למשל: פּאָעטן; דערציילער; ראָמאַניסטן; דראַמאַטורגן; עסייאיסטן; יידיש (שפּראַך - און - ליטעראַטור) - פאָר־שער; היסטאָריקער און דענקער).

## דער דריטער שפּיל־וואַריאַנט איז — לויט דעם אָפּשטאַם־לאַנד פון די שרייבער:

דער ציל פון די שפּילער פון דעם שפּיל־וואַריאַנט איז אויפ־קלייבן אַ מנין (מזומן) שרייבער אָנגעהעריקע צו איין לאַנד, לויט די אָנגעגעבענע ידיעות פון שריי־בערס געבורטס־לאַנד, וואוינלאַנד אָדער ווו ער איז געשטאָרבן

(למשל: פּאַראַייניקטע שטאַטן;
רוסלאַנד, פּוילן, אוקראַינע א״אַ).

## די ספּעציעלע שפּיל־וואַריאַנטן

זיינען פאַר געניטערע שפּילער, וואָס זיינען מער באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור.

## דער פערטער (ספּעציעלער) וואַריאַנט איז — לויט דער טעמאַטיק פון די שרייבער:

דער ציל פון די שפּילער אין דעם ספּעציעלן שפּיל־וואַריאַנט איז אויפקלייבן אַ מנין (מזומן) שריי־בער, וואָס האָבן ווערק אויף איין באַשטימטער גרונט־טעמאַטיק.

למשל: איין שפּילער קלייבט אַ מנין (מזומן) שרייבער, וואָס האָבן ווערק פון —



ביבלישער־ און ישראל־טעמאַטיק:

נחמן בראַסלאַווער
י. ל. פּרץ
שלום אַש
ח. נ. ביאַליק
ד. פּינסקי
א. גאָלדפאַדען
יהואָש
א. ליעסין

י. אָפּאַטאָשו
א. שטיינבערג
ד. איגנאַטאָוו
ש. האַלקין
מ. בראָדערזאָן
י. מאַנגער
א. סוצקעווער
א״אַ

אַ צווייטער —

שטעטל־טעמאַטיק:

ש. עטינגער
י. אַקסענפעלד
א. ב. גאָטלאָבער
וו. זבאַרזשער
א. מ. דיק
י. י. ליניעצקי
מענדעלע מוכר ספרים
י.ל. פּרץ
שלום עליכם
שלום אַש
ד. בערגעלסאָן

י. מ. ווייסענבערג
י. דינעזאָן
מ. ספּעקטאָר
ד. פּינסקי
א. גאָלדפאַדען
י. גאָרדין
דער נסתר
ז. שניאור
י. י. זינגער
י. באַשעוויס
ח. גראַדע א״אַ

## אַ דריטער —

### חורבן־טעמאַטיק:

ח. נ. ביאַליק
פּ. מאַרקיש
ש. אַש
א. ליעסין
א. סוצקעווער
ח. גראַדע
ה. גליק
ע. רינגעלבלום
י. פּעפּער
ש. האַלקין

ה. לייוויק
י. אָפּאַטאָשו
י. קאַצענעלסאָן
ז. סעגאַלאָוויטש
ק. מאָלאָדאָווסקי
אהרן צייטלין
מ. וויינרייך
י. מאַנגער
י. י. זינגער

א"אַ

## אַ פערטער —

### אַמעריקאַנער טעמאַטיק:

ש. עטינגער
שמ"ר
ש. אַש
שלום עליכם
מ. ווינטשעווסקי

י. באָוושאָווער
ד. עדעלשטאַט
מ. ראָזענפעלד
ד. פּינסקי
א. רייזען



יהואָש
א. ליעסין
ה. לייוויק
מ. נאַדיר
ל. קאָברין
א. ראַבאָי
י. י. שוואַרץ
ל. גלאַנץ

ד. איגנאַטאָוו
י. גלאַטשטיין
מ. ל. היילפּערין
נ. ב. מינקאָוו
י. י. זינגער
א. לוצקי
י. באַשעוויס

א"אַ

און פונקט אַזוי, אויף אַנדערע, דורך די שפּילער גופא אויסגעוויילטע און לויטן שפּיל־מאַטעריאַל פון פאָרויס אויסגעפּרוּווטע פּאַסיקע טעמעס.

אַ טעמע פאַר אַ שפּיל־וואַריאַנט קאָן אויך זיין אַן אָפּקלייב פון א מנין (מזומן) וועגווייזער צווישן יידישע שרייבער.

## א) וועגווייזער

## אין דער יידישער ליטעראַטור:

אליהו בחור — פּאַטער פון וועלטלעכן ראָמאַן און שפּראַך־פאָרשונג אויף יידיש.

ר׳ יעקב בן יצחק אשכנזי — דער הויפּט סטימולירער פאַר אַ פאָלקסטימלעכן יידיש אין דער מיטעלער תקופה פון יידיש לשון.

יהושע־מרדכי ליפשיץ — פּאַטער פון מאָדערנעם יידישיזם, דער באַוועגונג פאַר יידיש.

מענדעלע מוכר ספרים — קלאַסיקער (זיידע) פון דער יידישער ליטעראַטור.

י. ל. פרץ — קלאַסיקער (פּאַטער) פון דער (נייער) יידישער ליטעראַטור.

שלום עליכם — קלאַסיקער (אייניקל) פון דער יידישער ליטעראַטור.

ח. נ. ביאַליק — קלאַסיקער פון דער העברעאישער ליטעראַטור.



אברהם גאָלדפאַדען — גרינדער פון יידישן טעאַטער.

יעקב גאָרדין — פּאַטער פון דער יידישער דראַמע.

מ. ווינטשעווסקי — גרינדער פון דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט.

יהואש — קלאַסישער תנ״ך־איבערזעצער אויף יידיש.

שמ״ר — פּאַטער פון שונד־ראָמאַן, שעפער פון מאַסן־לייענער אויף יידיש.

ה. גליק — שעפער פון הימן פון יידישן ווידערשטאַנד און לעצטן יידישן פאָלקס־חורבן.

א״אַ

## ב) וועגווייזער

## אין געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס:

ר׳ נחמן בראַסלעווער — **חסידיזם.**

י. מ. ליפשיץ — **יידישיזם.**

נ. בירנבוים — ציוניזם; יידישיזם; רע-ליגיעזער פֿאָלקיזם.

ה. צייטלין — רעליגיעזער פֿאָלקיזם.

מ. ווינטשעווסקי — זיידע פֿון יידישן סאָציאַליזם.

בער באָראָכאָוו — פּועלי ציוניזם.

וו. מעדעם — בונד (נאַציאָנאַלע פראַגע).

ל. דובנאָוו — אויטאָנאָמיזם.

חיים זשיטלאָווסקי — יידישיזם; גלות-נאַציאָנאַליזם.

נחום שטיף — ציוניזם; סאָציאַליזם (עס-עס) סיימיזם; פֿאָלקיזם; יידישיזם;

נח פּרילוצקי — פֿאָלקיזם.

ש. ניגער — ציוניזם-סאָציאַליזם (עס-עס); יידישיזם.

א"א

**אויך ביי יעדן פון די דריי סטאַנ-דאַרטע שפּיל-וואַריאַנטן קאָן זיך אַ געניטער שפּילער פּאַרמעסטן צו**



דערגרייכן א ספעציעלן צוגאַב-וואַריאַנט:

**בײַם ערשטן וואַריאַנט —** צוזאַמענשטעלן אַ לזכרון מנין (מזומן) פון אומגעבראַכטע יידישע שרייבער:

א) אין חורבן-היטלער:

| | |
|---|---|
| ה. צייטלין | י. קאַצענעלנסאָן |
| ש. דובנאָוו | מ. ווינער |
| ע. רינגעלבלום | ה. גליק |
| י. שיפּער | מ. בראָדערזאָן |
| נ. פּרילוצקי | ז. סעגאַלאָוויטש |

א"א

ב) אין חורבן-סטאַלין:

| | |
|---|---|
| י. כאַריק | פּ. מאַרקיש |
| מ. עריק | ה. קוויטקאָ |
| י. צינבערג | דער נסתר |
| מ. קולבאַק | ד. האָפשטיין |
| ז. רייזען | י. פעפער |

א"א

## ביים צווייטן שפּיל־וואַריאַנט קאָן דער ספּעציעלער פאַרמעסט זיין:

צו דערגרייכן אַ מנין (מזומן) שרייבער, ווו יעדער פון זיי זאָל קאָנען קוואַליפיצירט ווערן פון אַן אַנדער שאַפונגס־געביט. (ביי יעדן שרייבער קאָן פאַררעכנט ווערן יענער געביט פון זיין שאַפן, וואָס איז נייטיק דעם שפּילער צו זיין מנין אָדער (מזומן־פאַרמעסט).

## ביים דריטן שפּיל־וואַריאַנט קאָן דער ספּעציעלער פאַרמעסט זיין:

א) אויפצוקלייבן אַ מנין (מזומן), ווו יעדער שרייבער זאָל זיין געבאָרן, געלעבט אָדער געשטאָרבן אין אַן אַנדער לאַנד. אָדער ב) אויפצוקלייבן



א מנין (מזומן) פון שרייבער גע־בוירענע אָדער דערצויגענע אין דערפער און ישובים (אליהו בחור, ח. נ. ביאַליק, מ. ראָזענפעלד, פּ. הירשביין, י. ראָלניק, ה. רויזענ־בלאַט, אַ. ראַבאַי, ש. ש. פרוג, י. י. טרונק, י. צינבערג א״א).

## איבערקוואַליפיקאַציע פון די שרייבער (אין ערשטן וואַריאַנט):

געניטע לעקסיקאָן־שפּילער און קענער פון דער יידישער ליטע־ראַטור קאָנען — ווען אָפּגערעדט אין פאָרויס — אין גאַנג פון שפּיל איבערקוואַליפיצירן געוויסע שריי־בער פון איין צענדליק צו אַ פּאַ־סיקן פאַר זיי צווייטן, כדי אַזוי אַרום שנעלער צו קאָמפּלעטירן זייערע מנינים (מזומנס).

למשל: מענדעלע מוכר ספרים קאָן דאַן גענוצט ווערן צו קאָמ־פּלעטירן דעם ערשטן צענדליק (ראשונים) פּונקט אַזוי ווי דעם צווייטן צענדליק (גרונטלייגער); ה. לייוויק קאָן העלפן צו קאָמפּלע־טירן דעם מנין (מזומן) „יונגע" (יידיש אַמעריקע) אָדער דעם מנין סאָציאַלע שרייבער „קעמפער און בונטאַרן"; משה־לייב האַלפּערין און משה נאַדיר — קאָנען העלפן קאָמפּלעטירן דעם מנין (מזומן) „יונגע". מ. ווינער קאָן אַרויס־העלפן ביים קאָמפּלעטירן דעם מנין (מזומן) יידיש־פאָרשער און פאַרקערט, מאַקס עריק, נחום שטיף אָדער ישראל צינבערג — דעם מנין (מזומן) יידיש סאָוועטיש. פונקט אַזוי קאָנען טייל שרייבער פון חורבן־דור קוואַליפיצירט ווערן צו יידיש־אייראָפּע און פאַרקערט.

א. אַ. וו.



די איבערקוואַליפיקאַציעס וועלן די שפּיל לעבעדיקער, אינ־טערעסאַנטער און באַלערעוודיקער מאַכן. די שוואַכערע ליטעראַ־טור־קענער, וועגן דעם, וואָס פאַר אויך פאַר די שרייבער פאַרנעמען אין אַן אָרט די אַלוועלטלעכער ליטעראַטור דער אויף יידיש.

## די כללים פון שפּיל:

די שפּיל קאָן אָנטיילנעמען אין דער שפּיל קאָ־נען פון צוויי ביז 10 פּערזאָן (ווען די מאָס פון שפּיל איז אַ מזומן). ביי אַ קלענערער צאָל אָנטיילנע־מער קאָנען אויך גענוצט ווערן אַן אָפּגעקליבענע צאָל קאָרטן, וואָס זאָל פאַרלייכטערן דאָס שפּיל.

### פאַרן אָנהויבן שפּילן

באַשטימען די אָנטיילנעמער וועלכן שפּיל־וואַריאַנט זיי קלייבן זיך צו שפּילן און אויב זיי פאַר־

מעסטן זיך אויף צו דערגרייכן אַ מזומן (פינף) אָדער אַ מנין (10 קאָרטן).

## דער ביבליאָטעקאַר

צעטאַשט די קאָרטן און פאַרטיילט זיי איינציקווייז צו די שפּילער לויט דער ריי ווי זיי זיצן, צו פ י נ ף (ביי אַ מזומן־שפּיל) אָדער צו צען (ביי אַ מנין־שפּיל) יעדערן.

## די ביבליאָטעק

די פאַרבליבענע קאָרטן בלייבן אין דער ביבליאָטעק אויפן טיש אין צענטער.

## יעדער שפּילער

לייגט אויף זיינע באַקומענע קאָרטן, קוואַליפיצירנדיק זיי לויט מעגלעכע מנינים (מזומנס). פון דעם מנין (מזומן) פאַר וועלכן מען האָט שוין די גרעסטע צאָל קאָרטן.



אָדער אַזאַ מנין (מזומן), וועלכן מען האָט אַ ווילן אָדער אַן אויסרעכענונג אַמשנעלסטן צו דערגרייכן, ווערן די קאָרטן אַוועקגעלייגט פאַר זיך אָפענערהייט. דער מנין (מזומן) בלייבט שוין „טאַבו“ — די אָפענע קאָרטן קאָנען דאַן ניט געטוישט ווערן, ניט דורכן שפּילער אַליין און דאָס גלייכן ניט אַרויסגעפּאָדערט ווערן פון די מיטשפּילער.

## וועגן ספּעציעלע מנינים (מזומנס)

מעלדעט יעדער שפּילער נאָכן באַקומען און באַקענען זיך מיט זיינע קאָרטן, פאַרן אָנהויב פון שפּיל.

ספּעציעלע מנינים (מזומנס) זיינען בדרך כלל אָ פ ע נ ע, דער שפּילער קאָן אָבער באַשליסן ווי ער געפינט אין יעדן פאַל פאַר מער פּאַסיק.

## פאַרמאַכטע קאָרטן אין אַן אָפענעם מנין (מזומן)

קאָן אַ שפּילער האָבן צוויי
אין אַ מנין און אײנעם אין אַ
מזומן. דעם פאַרמאַכטן קאָרט
קאָן דער שפּילער, ווען נייטיק,
אויך באַנוצן צו פאַרענדיקן דער-
מיט אַן אַנדער פאַרמאַכטן מנין
(מזומן) זיינעם. למשל: מען שפּילט
דעם צווייטן שפּיל-וואַריאַנט —
דער שפּילער האָט אַן אָפענעם מנין
פאָעטן, ווו ער לאָזט פאַרמאַכט
ליגן צוויי קאָרטן וואָס האָבן אויי-
סער פאָעט צוגאָבלעך די שאַפונגס-
געביטן עסייאיסט, ראָמאַניסט, פון
וועלכע ער האָט אַ באַדייטנדע צאָל
קאָרטן. אויב ער זאָל אין גאַנג
פון שפּיל שנעלער דערגרייכן דעם
מנין (מזומן) עסייאיסטן אָדער ראָ-
מאַניסטן, קאָן אים אַרויסהעלפן
דער פאַרמאַכטער קאָרט אין אָפע-



נעם מנין שנעלער צו דערגרייכן
זיין ציל.
דאָס זעלבע גילט ביים דריטן
שפּיל-וואַריאַנט מיט אָפשטאַם-לענ-
דער פון די שרייבער.

### דער גאַנג פון שפּיל:

ווער עס האָט די קלענסטע
(אָדער ווען אין פאָרויס אָפגערעדט
— די גרעסטע) צאָל קאָרטן אין
אַן אָפענעם מנין (מזומן) הויבט אָן
די שפּיל. ער בעט ביי אַ באַליביקן
שפּילער אַ קאָרט פון אַ קאַטעגאָ-
ריע, וואָס דאַרף אים העלפן קאָמפּ-
לעטירן אײנעם פון זיינע מנינים
(מזומנס). ווען דער שפּילער, צו
וועלכן ער האָט זיך געווענדעט,
האָט אַ קאָרט פון דער געבעטענער
קאַטעגאָריע איז ער אים מחויב
אַרויסצוגעבן, אפילו ווען ער זאַמלט
אַליין אַ פ אַ ר מ אַ כ ט ן מנין

(מזומן) פון דער זעלבער קאַטעגאָ-
ריע.

ווען אַ שפּילער גיט אַרויס אַ
געבעטענעם קאָרט נעמט ער אַנ-
שטאָט אים פון דער „ביבליאָ-
טעק" דעם אויבערשטן קאָרט אין
טויש. ער נעמט איבער די שפּיל
און ווענדט זיך צו אַ צווייטן שפּי-
לער.

ווען דער שפּילער האָט נישט
קיין קאָרט פון דער געבעטענער קאַ-
טעגאָריע, פּאָדערט ער אויף צו-
ריק אַ שטראָף-קאָרט לויט זיין
קאַטעגאָריע-אויסוואַל. אויב
יענער, וואָס האָט אים אַרויסגערופן,
האָט אויך ניט קיין קאָרט פון אַזאַ
קאַטעגאָריע, האָט דער שפּילער
דאַן דאָס רעכט אויף אַ טויש-קאָרט
פון דער ביבליאָטעק (ער נעמט
פאַר זיך אַ קאָרט (פון אויבן) און
לייגט צוריק (פון אונטן) אַזאַ



קאָרט, וועלכן ער האַלט אַמווייניק-
סטן נוציק פאַר זיך) און צוגאָבלעך
ווענדט ער זיך דאַן צו אַן אַנדער
שפּילער נאָך אַ קאָרט צו קאָמפּלע-
טירן זיינעם אַ מנין (מזומן).

**די קאַטעגאָריעס זיינען:**

אין ערשטן שפּיל-וואַריאַנט —
דער נומער פון צענדליק (צוואַנ-
ציקער, דרייסיקער א"א) אָדער
דער נאָמען פון צענדליק (די
ראשונים, די אַנצינדער א. אַ. וו.).

אין צווייטן שפּיל-וואַריאַנט — אַ
שאַפונגס-געביטן (למשל: פּאָעטן,
דערציילער א. א. וו.)

אין דריטן שפּיל-וואַריאַנט —
אַ נאָמען פון אַ לאַנד (למשל: פּאַר-
אייניקטע שטאַטן, פּוילן, א. אַ. וו.).

אין פערטן שפּיל-וואַריאַנט —
אַ טעמע (למשל: אַ שרייבער פון
חורבן-טעמאַטיק).

## ווען די קאָרטן־ביבליאָטעק איז אויסגעשעפּט

און עס פאַרבלייבן שפּילער מיט איין אָדער עטלעכע קאָרטן אויפן האַנט, קאָנען זיי — נאָכן איבער־ציַיגן זיך, אַז זיי האָבן ניט מער קיין שאַנסן צו קאָמפּלעטירן אַ מנין (מזומן) — זיך צוריקציִען פון שפּיל. זייערע ניט־אויסגענוצטע קאָרטן מוזן זיי דאַן צוריקגעבן אין דער ביבליאָטעק פֿאַרן באַנוץ פון די פאַרבליבענע שפּילער.

## שטראָף

ווען מען געפינט אויס אין גאַנג פון שפּיל, אַז אַ שפּילער האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט, און ניט געגעבן קיין קאָרט פון אַ קאַטעגאָריע וואָס ער האָט יאָ געהאַט, (און ניט שפּע־טער באַקומען אין טויש אָדער פון ביבליאָטעק) גייען אין יענעם מאָ־



מענט אַריבער זיינע אַלע קאָרטן פון דער דערמאַנטער קאַטעגאָריע אין באַזיץ פון שפּילער, וועלכער האָט פון אים נ י ש ט באַקומען די געבעטענע קאָרט.

## די געווינער

### דרשה־געשאַנק

ביי י ע ד ן מנין (מזומן)־געווינס פון אַ שפּילער, שיקן אים די אַלע איבעריקע אַ קאָרט דרשה־געשאַנק דורכן ביבליאָטעק (געלייגט פון אונטן), און דער געווינער נעמט אַזאַ צאָל קאָרטן אַראָפּ פון דער ביבליאָטעק (פון אויבן).

די געווינער זיינען:

ווער עס מאַכט דעם ערשטן מנין (מזומן) איז: אַ גראַדואַנט פון דער יידישער ליטעראַטור; **ווער עס דערגרייכט די ערשטע צוויי מנינים** (מזומנס) איז: אַ מייסטער פון דער

יידישער ליטעראַטור; ווער עס דערגרייכט דער ערשטער דריי מנינים (מזומנס), אָדער די ערשטע צוויי פריער ווי די אַנדערע מיט־שפּילער האָבן כאָטש דערגרייכט איין מנין (מזומן) איז: אַ גרויס־מייסטער פון דער יידישער ליטע־ראַטור.

ווער עס דערגרייכט אַ מנין (מזומן) אויף אַ ספּעציעלער טעמע איז אַ גרויס־מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

לייזער ראַן

דער „ווילנער פאַרלאַג"
אין ניו-יאָרק גרייט צום דרוק:

„דער פינפטער יונגוואַלד"
זאַמלבוך צום 25-יאָריקן יובל פון דער יינגסטער ווילנער שרייבער-גרופּע, מיט בראש הירש גליק.

---

**יידישע ווילנע אין בילד**

גרויסער בילדער-אַלבאָם פון דער יידישער ווילנע צווישן ביידע וועלט-מלחמות, מיט דער־קלערונגען אין יידיש, העברעיש, ענגליש און רוסיש.

---

**אַ געזאַנג צו ירושלים ד'ליטע**

גרויסע לידער-אַנטאָלאָגיע וועגן דער יידישער ווילנע.

צווישן שרייבער און ביכער

קאָרטן־שפּיל פאַר שול־יוגנט.

---

ביי אונדז יידן,

יום־טוב און וואָך,

שפּריכווערטער־לאָטאָס פון

יידישן שטייגער־לעבן.

---

„ב י ן",

יידישע סקויטן־אָרגאַניזאַציע

געשיכטע — לידער — בילדער.


וועגן אַלע ענינים שרייבט צו:

**WILNER FARLAG c/o L. RAN**

34-40 93rd Street

Jackson Hights 72, N. Y.

PHONE: IL 7-2193

# לייזער ראַן

# פ ו ן
# אליהו בחור
# ביז
# הירש גליק

## קאָרטן
## רעקסיקאָן

לערן און שפּיל

„ווילנער פאַרלאַג“

1963 ניו יאָרק